אונזער הייליגע

# מוסדות בלעטל

נייעס און באריכטן פון ת"ת עבודת משולם פייש ד'טאהש

## פרשת ויצא תשפ"ו / גליון ח'

תלמוד תורה
עבודת משולם פייש
טאהש
מאנסי יצ"ו

# דאס ווארט פונעם סגן מנהל

ראשית דברי וויל איך אפגעבן א שבח והודאה להקב"ה, אז מיר זענען זוכה נאכאמאל צו שטיין נאך א פולע וואך אנגעפילט מיט תורה ועבודה ויראת שמים ומדות טובות. ווי די לעכטיגע זוסע קינדער שטייגן און וואקסן מעלה מעלה אויפן הייליג'ן דרך המסורה לנו פון רבינו הקדוש זי"ע, און ווי עס לערנט אונז בנו חביבו ומ"א הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א. דארפן מיר שטענדיג לויבן דעם אייבערשט'ן פאר דעם, און בעטן אויף ווייטער אז די הייליגע באשעפער זאל העלפן בזכות רבינו הקדוש וואס די מוסדות איז נקראת על שמו, אז מיר זאלן זוכה זיין ווייטער צו ערפילן אונזער הייליגע תפקיד, אז די לעכטיגע טייערע זוסע קינדערלעך זאל'ן שטייגן און וואקסן בתורה ויראת שמים ומדות טובות, און אונזערע חשובע שותפים די חשובע עלטערן זאלן ווייטער זעהן אסאך אידיש נחת געזונטערהייט.

מיט'ן אייבערשט'נ'ס הילף גרייטן מיר זיך צו אפראווענען די הייליגע יום הצלה פון רביה"ק זי"ע דעם קומענדיג'ן כ"ג כסלו, ווען מען וועט בעזר השם פראווענען די גרויסע טאג און לויבן און דאנקן דעם אייבערשט'ן פאר די גרויסע נסים וואס ער האט געטוהן פאר רביה"ק זי"ע, און אז ב"ה מיר האבן די זכי' צו גיין און זיינע הייליגע דרכים.

מיר גרייטן זיך אויפ'ן הייליג'ן יום טוב פון חנוכה וואס שטייט שוין ביים שוועל, ווען בעוד שני שבועות גייען מיר שוין צינדן די הייליגע חנוכה לעכט. און איינע פון די זאכן איז, אז מיר גרייטן זיך צו מאכן א פראגראם מיט די גרעסערע קינדער צו גיין נאך געלט פאר די הייליגע מוסדות, אזוי ווי האט מיר סיי וואספארא הערע קענט מיר זיך פארבינדן מיט'ן אפיס, ווי מען איז שטענדיג גרייט ארויסצוהעלפן די חשובע עלטערן.

השי"ת זאל העלפן מיר זאלן ווייטער קענען ארויס העלפן אונזערע חשובע שותפים די חשובע עלטערן צו זעהן נחת וויאזוי די קינדערלעך שטייגן און וואקסן בתויר"ש ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א.

א גוט שבת

משה מרדכי שטיינבערגער

# א בליק אריין אינעם תלמוד תורה

## נורסערי מלמד: הרב אפרים יואל פיש שליט"א נכד רביה"ק זי"ע

איין טאג די וואך האט די רבי אויסגעשפילט די מעשה פון יעקב אבינו'ס חלום, ווי אלע קינדער האבן זיך אראפגעלייגט נעבן די גרויסע לייטער, און נעבן זייער קאפ האט די רבי געלייגט שטיינער אזוי ווי יעקב אבינו, ווי די קינדער האבן שטארק הנאה געהאט און האבן קונה געווען גאר אסאך ידועות אונעם פרשה וואס איז פון די יסודות פון אמונה.

דאס איז חוץ די אלע זאכן וואס די חשובע מלמד האט מיט זיין לשון לימודים אויסגלערנט און פארציילט פאר די קינדער ווי זיין וועכענטליכע שטייגער.

## קינדערגארטן מלמד: הרב שמואל פישער שליט"א

פון קינדערגארטן איז דא אזוי סאך צו רעדן, עס איז נישט מעגליך צו ארויס ברענגען און אפאר שירות אלעס וואס עס איז אריבער די וואך און קינדערגארטן.

אבער פטור בלא כלום אי אפשר, דארפן מיר כאטש ארויסברענגען די מחזה הוד ווי די חשובע מלמד האט אויסגעלערנט פאר די קינדער וויאזוי א איד גייט שלאפן און ער גרייט זיך אן נעגל וואסער, און ווען ער שטייט אויף די ערשטע זאך גיסט ער זיך אפ נעגל וואסער, די רבי האט געברענגט א בעט, ווי יעדע אינגל האט צום ערשט אנגעגרייט נעגל וואסער און זיך געלייגט שלאפן, און ווען ער איז אויפגעשטאנען די ערשטע זאך האט ער זיך אפגעגאסן די הענט ווי אן ערליכ'ע איד א ירא שמים.

און יענעם טאג האבן די קינדער אהיים געטראגן א נעגל וואסער שיסל און טעפל צו קענען ווייטער זיין אן ערליכע אפגעהיטענע יונגל.

## כתה א' מלמד: הרב חיים ראטטענשטיין שליט"א

די לעכטיגע קינדערלעך פון כתה א' חזר'ן זיך איין די הייליגע נקודות מיט א חשק נפלא וואס איז אין לשער, די וואך האט מען געלערנט די נקודה פון סגול ווי די קינדערלעך האבן געחזר'ט מיט גרויס התמדה די הייליגע נקודה און אלע אנדערע נקודות וואס מען האט שוין געלערנט.

עס איז צום האפן אז די קינדער זאלן שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים אויפ'ן הייגן דרך עבודת עבודה.

## כתה ב' מלמד: הרב משה מרדכי שטיינבערגער שליט"א

און כתה ב' איז די וואך אריבער מיט גרויס דערהויבנקייט ווי די לעכטיגע קינדער האבן געדאווענט ערליך, און געזאגט די הייליגע תהילים, און געלערנט פלייסיג די הייליגע חומש מיט א זעלטענעם מתיקה.

עס איז צום האפן אז די קינדער זאלן שטייגן און וואקסן גרויסע תלמידי חכמים אויפן היילגן דרך עבודת עבודה.

**השי"ת זאל העלפן מיר זאלן ווייטער זעהן אסאך אידיש נחת.**

# א גריס
## פון די לעכטיגע קינדערלעך

### נורסערי





### קינדערגארטן





### ביים אויס שפילן מיט די קינדער וויאזוי א איד שטייט אויף און גיסט זיך אפ נעגל וואסער







# בולעטין ווינקל

## חכם לב יקח מצות

טייערע עלטערן עס איז נאך געבליבן
געציילטע זיכותים צו זיך אייהאנדלען אונעם
יעצטיגן נייעם בנין

**קייפט א זכות אונעם בנין**
**לכבוד אייער השובע זוהן**

און מיט דעם מאכט איר א נייחא לנשמתא פאר
אביט רועיט רביה"ק ז"ע

און זייט זוכה צו דעם זעלטענעם
הייליגע הבטחה
**"אז מיר האבן זיך אויסגעבעטן ביים**
**אייבערשטן אז ווער עס איז אונז מהנה**
**מז ביי אונז געהאלפן ווערן"**
**כל הקודם זוכה**

הקרן קיימת לו לעולם הבא

פארבינדט אייך מיטן שליח המוסדות אויף
(845) 662 8093

מיסודו של רבינו הקדוש זי"ע
תלמוד תורה
עבודת משולם
פייש טאהש
מאנסי יצ"ו

בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א
Talmud Torha
Avoidas Meshulam
Feish Tosh
MONSEY NY

P:845.369.8674 - F: 845.625.1725
415 Viola Rd. Spring Valley N.Y. 10977

## וויכטיגע מעלדונג

אי"ה פון די וואך פרייטאג ויצא און ווייטער
ווען די קינדער פון אלע כתות
אהיים גיין **11:30**
א האלבע שעה פריער ווי יעדע וואך פרייטאג,
ביז פסח תשפ"ו הבעל"ט

א גוט שבת !

## ברכת יישר כח

לידידינו עוז העומד תמיד לימינינו
העסקן הדגול
**מו"ה אהרן אשר יעקב**
**הערשקאוויטש הי"ו**
**מחשובי הורי מוסדותינו הק'**
**ומגדולי עסקני האיחוד**

**שעומד תמיד לעזרתינו**
**ובפרט בהאי שעתא למען**
**הצלחת הגליון**

*המערכת: המערכת דגל*

מיסודו
של רביה"ק זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# תלמוד תורה

עבודת משולם פייש

# טאהש

מאנסי יצ"ו

## הרתודה והברכה

הגליון בשבוע זו נתנדב ע"י

הרב **הרוצה בעולם שמו** שליט"א

לע"נ הרה"ק ר' אברהם דוב בן ר' דוד זצ"ל

בעל הבת עין

ובזכות הבל פיהם של תינוקת של בית רבן

ימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה